START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1891.2

Mekhirat Yosef : di begebenhayt fun Yosef mit di brider...
Vilne, 1908.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1891.2

Mekhirat Yosef : di begebenhayt fun Yosef mit di brider...
Vilne : Sobst. i izd. I. Velçhera, 1908.
Varying form of title: Mekhires Yosef. Yosef shpiel.
16 p. ; 17 cm.

1. Joseph (Son of Jacob)--Drama. 2. Yiddish drama.--lcsh
I. Lithuania-Vilnius

ID : NXYH01-B15417 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /8712

Reduction ratio X 10.0

אלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו
8712

מכירת יוסף

דיא בעגעבענהייט פון יוסף מיט דיא ברידער,
מיט זיסע ווערטער אונד הערליכע לידער,
צו זינגען אין פורים מיט דעם בעכר אין די האנד,
אונ יעדער שטאט אונד אין יעדער לאנד.

ווילנא

בדפוס פ. מ"ץ תחי'.
שנת תרס"ט לפ"ק

ІОСИФЪ ВЪ ЕГИПЕТЪ.

Собст. и изд. И. Вельчера.
ВИЛЬНА.
типографія Л. Л. Маца, Завальная
1908 г.

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

יוסף שפּיעל

שְׁמְעוּ נָא רַבּוֹתַי חֲבִיבִים וִיקָרִים .
הַטּוּ נָא אָזְנֵיכֶם לְאֵלֶּה הַדְּבָרִים :

קִרְאוּ לִי בְּנִי הֶחָכָם וְאָהוּב . יָקָר הוּא בְּאֶחָיו מִכֶּסֶף וְזָהָב :
רִיפְט מִיר מַיין טַייעֶרִין זוּן יוסף גִישְׁווינְד . עֶר אִיז בַּיי מִיר דָאס בֶּעסְטֶע קִינְד :

אליפז לְיוסף אָבִיךָ צִוַּנִי לְמַהֵר אֵלֶיךָ . כִּי מְבַקֵּשׁ הוּא לִרְאוֹת פָּנֶיךָ :

יעקב דַיינֶע טְרַיימֶערַייעֶן זִינְד לוֹטֶער פַאלְשִׁי זַאכֶן . בְּלַייבּ שְׁטִיל דֶען מֶען ווִירְד דִיךְ אוֹם לַאכֶן :

יהודה אַךְ לַשָּׁוְא יִשְׂמַח וְיָגֵל לִבֶּךָ . כִּי לֹא תִמְשׁוֹל עָלֵינוּ בִּכְבוֹדֶךָ : דוּ הָאסְט פַר גֶעסֶן דִי וֶוערְטֶר פוּן דֶער גמרא . אָדָם צַדִּיק יִשְׁכַּח חָלוֹם טוֹב מְהֵרָה :

יעקב בָּנִים יְקָרִים אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם בְּרָעָה . לְכוּ נָא רְעוּ הַצֹּאן בְּתוֹךְ הַשָּׂדֶה : תּוֹדוֹת לָאֵל כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ קִרְאוּ נָא לְיוֹסֵף בְּיוֹם אָמֶשׁ :

אליפז רִיף מִיר מַיין זוּן יוסף גִישְׁווינְד אוּנ בַּאלְד . אִיךְ מוּז אִים שִׁיקֶן אִיבֶּר פֶעלְד אוּנ וַואלְד :

יוסף אָבִי קָרָאתָ וְהִנֵּנִי . אֵלְכָה לְכָל אֲשֶׁר תִּשְׁלָחֵנִי :

יעקב לֵךְ וּדְרוֹשׁ שְׁלוֹם אַחֶיךָ . וְשׁוּב מַהֵר לְמַעַן אֶרְאֶה פָּנֶיךָ :

יוסף כַּבֵּד אֲכַבֶּדְךָ הוֹרִי בְּכָל לְבָבִי . וְעַל בַּעַל הָרַחֲמִים אַשְׁלִיךְ אֶת יְהָבִי : דִיךְ ווִיל אִיךְ פָאלְגִין מִיט דֶעם גַאנְצֶן לֶעבֶּן אוּנ גָאט זָאל מִיר זַיין הוּלְף גֶעבֶּן :

יעקב לֵךְ נא בשלום בני יקירי . ומלאכי רחמים אתךָ יגורו :

מלאך מַה זֶה תְּבַקֵּשׁ :

יוסף

יוסף אֶת אַחַי אָנֹכִי מְבַקֵּשׁ:

מלאך אין דותן זענן דיינע ברידר. דארט ווירסטו זייא פינדן ווידר זיי טראכטן דארט פיל בייזקייט דיך צו פאנגען מיט גרוים זאמקייט:

יוסף ידעתי כי דברי אדוני נאמנים. אך להשיב את דברי אבי איך אעיז פנים: ווען מיך אוך מיינע ברידר טוט שלאגען מוז איך זיי מיין פאטרס באטשאפט זאגן:

שמעון הנה בעל החלומות בא אלינו. נהרגהו ונשליכהו בבור אשר לפנינו: דר בעל חלום קומט. איך האב אים דער קענט. שלאגן וויר אים טוט אונ מאכן מיט אים איין ענד:

ראובן דיינע ווערטער זינד שלעכט. טוט שלאגין איז ניט רעכט: ווארפן מיר אים אין איין גריב דם ווירד קיינר ניט וויסן, דעם פאטר ווערדן וויר זאגן איין ווילדעס טיר הט אים צו ריסן:

יוסף בפקודת אבי בין איך גיקומן צו זעהן ווי אייך גייט אין דר וועלט. איר קענט מיט מיר טאן ווי עס אייך גיפעלט:

שמעון שוואג שטיל אונ רעד ניט קיין ווארט. דו ועסט שון זעהן ווס ווירד גישעהן דארט:

יוסף ווען איך האב גיזינדיגט אונ בין נישט גוט. מוזט איר מיר דאך פר געבן דען איך בין אייער פלייש אונ בלוט:

שמעון דיינע שלעכטיקייט קענין מיר דיר ניט פר געבן דו מוזט פאר לירען דם לעבן:

יוסף אום מיין לעבן וואלט איך מיר גאר נישט גימאכט. נאר אוף דעם אלטען פאטר בין איך בדאכט:

שמעון דוא מיינסט דו האסט פאר פירט דעם פאטר דעם קלוגין. ווילסטו אוך אונז מיט דיין פאלשקייט בטריגען

יוסף איר קענט מיך טוט שלאגן. איך וועל אייך אבר ביי גאט פאר קלאגין:

שמעון

שמעון וואס ניצען דיר דיא אלע זאכען. מיר מוזין מיט דיר איין ענדע מאכין:

יוסף זִכְרוּ אֶת אִמִּי רָחֵל עֲקֶרֶת הַבַּיִת. בַּעֲבוּרָהּ עָבַד אָבִינוּ בְּשָׂרָה וּבְבַיִת:

שמעון ברידער ברידער טוט אייך באמיהען. אים דאס שטאלצע העמדיל אפ צו ציהען:

יוסף די ענגיל ווערדין דריבר וויינען אונ קלאגן. וויא איין ברודער קען דעם אנדערין טוט שלאגען:

שמעון דו זאלסט ענדיגען באלד וויא אווינד. ווארפט אים טיף ביז צום גרונד. קומט ברידער עסין אונ טרונקען אונ ער זאל דא אונטער זונקען. ער זאל פרעסין דאס שלאנגען גופט. הערט ניט ווער אייך רופט:

יוסף גאט דו ווייסט דאך וויא איך בין מיט ערליכקייט אום גיגאנגען דרום פר שלים די מיילער פון דיא שלאנגען. דיר איז באקאנט ווי איך האב מיין פאטער ערליך גיהאלטן. דרום זאלען די שלאנגען מיין קאפ ניט שפאלטען:

(וויא זייא עסין אונ טרינקען זעהן זייא דאס עטליכע קופלייטע פירען יוסף מיט זיך):

שמעון זעהט נאר ברידער וויא. קופלייטע פון מדין לאנד. פירען יוסף ביי דר האנד. גישווינד גישווינד זיי אן צו פאקין. ענטוועדיר פלורין אדער די קעפ אפ צו האקין:

לוי למדינים וויא קומט צו אייך דער קנעכט. אוף אים האט קיינער קיין רעכט. גיבט אים אונז גישווינד צוריק. זאגט איז עם פר לורין אייער גלוק: מדינים איר בראכט ניט צו שטרייטין אונ צו שלאגן. הערט נאר וואס מיר ווערדען אייך זאגען. מיר האבן גיזיכט וואסער צו טרונקין. האבן מיר אים גיזעהן אין גריב פר זונקען. מיר האבן גיהערט וויא ער

ווייגט

וויינט אונ שרייט . דרום האבן מיר אים פון דארט באפרייט :

שמעון ווען אייער לעבן איז אייך ליב אין דער וועלט זאלט איר אונז געבען פאר אים צוואנציג זילבער געלד מיר וועלן אייך באווייזען באלד דאס איר האט אים גיט גיפונען אין וואלד :

שמעון לאחיו פריר האבין זייא צו אונז גירעט גאנץ קעק . אבער אצונד צוטערין זייא שוין פר שרעק :

למדינים ווס ניצט אייך די טראכטין אונ שווייגין צו וואס זאל איך אייך דיא שווערט ציינען . מאכט שון אמאל איין ענד גיט גישווינד דאס געלט :

דיא מדינים געבען דאס געלד

יוסף ליבע ברידר ווי קענט איר אייך זא שטארק פר שולדן צו פר קופין אייער ברודר פר עטליכע גולדן :

יוסף אמי היקרה ביני נא והביטי . איך כתונת הפסים מעלי הפשיטו . טייערע מוטער רחל זעה נאר דיא ברידערס גיוויסן דאס זיידינע העמדיל האבן זיי פון מיר אפ גירסען :

רחל הער אוף מיט דיין וויינין אונ קלאגן . איך קאן דיין שמערץ ניט מער פר טראגין :

יוסף ברענג מיין גיבעט פר דעם בעהערשער דר וועלט זעה ווי איך צימער פר פראסט אונ קעלט :

מדינים זעהט נאר וויא ער זיך איבער דעם גריב ביקט עס איז ניט אנדערש ער איז פאר ריקט . מארש פארט דוא נאר רעד ניט צוא דעם שטיין דען זאנסט וועלען מיר צוא ברעכין דיין ביין :

רחל הער אוף מיין קינד בלייב שטיל . טוא וואס דיין הער וויל :

ראובן עס הט אונז אשרעקליך אום גליק גיטראפן דרייא

טאג

טאג זינד מיר די שאף אין ווילדן וואלד נאך גילאפין :

יעקב ביטער איז מיר מיין לעבין וואס זאל איך מיר פאר אראט געבין . דאס העמד עס צווייקט עס קלעמט מיין טייער קינד יוסף איז טוט וויא קאן איך שוין עסין ברויט . אהארטע שלאג האט מיך גיטראפין אווילדער בער האט זיין בלוט גיזאפין . אליפז אליפז לוף גישווינד אוף אלע פיר אונ ריף מיר מיינע קינדר צו מיר :

אליפז צו דיא ברידר . לופט צום פאטר גישווינד אונ באלד דען איין אום גלוק האט זיך גיטראפן אין וואלד :

האחים כולם אך טייערער פאטר הער וואס דיינע קינדר דיר זאגען הער שון אוף צו וויינען אונ צו קלאגין :

יעקב וויא קענט איר מיינען איך זאל אוף הערין צו וויינין מיין וועלט איז שוין אום וואס קאן איך נאך האפען איז דען דא זא איין אום גלוק ווי מיר האט זיך גיטראפען . דרום מוז איך וויינין אונ ניט אוף הערין איך פאר לאנג פון אייך איר זאלט מיך ניט שטערין . דער וועק דיך פון דיין ארט מיין ליב קינד דיך האט זיך גיטראפען מיינע זונד : בני יוסף בני צר לי עליך לא אשיב עוד לראות אור פניך . כתונת פסים הלבשתיך בשובע שמחות . כעת היא בידי ליגון ואנחות . מיין הארץ האט זיך גיפרייט אונ גילאכט ווען איך האב עס דיר . צום גישענק גינגעבן האב איך גימיינט דוא וועסט מיך איבער לעבין . גפונקילט פאר פרייר האבן מיינע אויגין ווען דיא האסט עס אן גיצויגין .

(ראובן) ינחם ה' אותך מן השמים וימלא חסדיך כפלי כפלים דיין שמערץ קאן נאר היילין גאט אליין ער האט עס גימאן אונ מיר זענין פון זינד ריין :

יעקב אייערע ווערטער קענין מיר גאר ניט ניצן איך מוז ביז צום טוט טרויריג זיצן . ליבע קינדר שטערט ניט מיין וויינן

אונ

אונ קלאגין . זיכט מיר ליבער דס ווילדע טיר וואס האט מיך קינד טוט גישלאגין :

שמעון הזדרזו אחים לשמור מצות אבינו . ולבקש החיה אשר אכלה את אחינו : איש את חרבו נחגורה ומיער ליער נעבורה . עד אשר תפול עלינו ונקחה ממנו את נקמתינו : לופין מיר גישווינד אונ באלד איינר דורך פעלד דער אנדערער אין וואלד . אלע לופין אום דעם הוז אום אנדערין טאג קומען זיי צוריק ברענגין איין וואלף מיט זיך :

יעקב חמסי עליך זאב בליעל למה זה מעלת בי מעל . מרוע לדם נקי ארבת ובן יקיר לי באפך טרפת . וואס האט דיך אויף מיין קינד פאר דראסין דאס וואס דוא האסט אום שולדיג בלוט פאר גאסין :

דר וואלף . יעקב נכר אברהם העברי . גדול כים שברי . איך וויים נישט ווארום מען האט מיך גיבונדין . גרוס זענין מיינע שמערצין אונ וונדין . איך בין אום שולדיג אונ ריין . דס ווייסט גאט אליין . מארץ רחוקה הלכתי קרורנית . ויבואו בניך ויתפשוני אחורנית : איך שווער דיר ביי גאט דאס איך האב דיין זון יוסף נישט בארורט איך האב אים גיט גיזעהן . אין מיין לעבין אזו זאל מיר גאט פיל גוטס געבן . מיר הט זיך גימראפן דס זעלבי וום דיר . דו קאנסט טוען ווס דו ווילסט מיט מיר . שלאגט מיך טוט דאס איז מיר רעכט דען עס גייט מיר זעהר שלעכט :

יעקב דו בראכסט געניג צו בהארין דיין הארץ מוז שטארק טראגין . פר גיב מיינע קינדר ווס זייא האבן דיך גבונדין . זיי האבן גימיינט צו היילען מיינע וונדן . ציה אין פרידען נאך דיינעם באגערין . אונ גאט זאל דיין שמערץ פון דיר אב ווערן :

פוטיפר לויפט צו יוסף

פרעה . לויפט אונ ברענגט אים גישווינד הער דען מיין
הארץ

הארץ איז מיר שווער . איך וויל אים גוט בצאלין אונ באלונין . אוף זיין קאפ זעצין קרונין . איך וויל אים בלונין דעם רונג פון מיינער האנד ער זאל הערשין איבר דעם גאנצין לאנד :

פוטיפר ליוסף עס איז דיר פיל גלוק בשערט דר קעניג פרעה הט פון דיר גיהערט . זיין הארץ טוט שטארק ליידין ער וויל דו זאלסט אים זיין טרום בשיידין . אונ ווען דיינע ווערטר וועלין זיין מיט פאר שטאנד ביסטו דר גלוקליכסטר מענטש אין דעם גאנצין לאנד . דו וועסט הערשין אונ רעגירין אלס וועט זיך נאך דיינעם ווילין פירן . דרום קום גישווינד מיט מיר . איך וויל דיר עפענין די טיר :

פרעה ביזטו דער יונגער מאן . דער יעדען טרום באשיידען קאן איז דיא זאך רעכט אונ וואר . טוזטו מיר זאגין וואס דער טרום ווייזט וואר :

יוסף דם פר בארגינגע קאן נאר וויסען גאט אליין . איך בין דאך נאר איין מענטש פון פלי ׳ ג אונ ביין . נאר נוייל עס איז איין זאך פון טוט אונ לעבן . דרום הט עס מיר גאט צו וויסין גיגעבין . דו האסט גיזעהן זיבן זאנגין אונ זיבן רינדר . אונ נאך דר ביי מעגבי ווינדר . דס הט דיר גאט צו וויסן גיגעבין וועגין דיינעם אונ דיין פאלקס לעבין . די מיינונג פון דעם טרום וויל איך דיר ער קלערין . דו מוזט אבער מיינע ווערטער גוט אום הערין . די זיבן זאנגין באטייטין זיבן גוטע יאר דו קאנסט מיר גלייבין דאס איז גאנץ וואר . דיא זיבן רינדר מיינט מען זיבן הונגר יאר . דס זעה איך גאנץ ריין אונ קלאר . ווילסטו מיך צו הערין אונ ניט לאכן . זאלסטו איין קלוגין מאן צום בשטעלטין מאכן . ער זאל זאמלין דם קארין פון די גוטע יארין אונ זאל עס אוף די הונגרם צייט בווארין . דם זאג איך דיר אלעם גוטרייער קנעכט איבר לייג דיר אוב איך זאג גוט אדער שלעכט :
פרעה

פרעה זא אײן געטליכן מאן ווי דו האב איך נאך ניט געזעהן דו ביסט קלוגער אלס אנדערי צעהן אלס וואס דו זאגסט איז רעכט אונ וואר דער גאנצער טרוים איז ריין אונ קלאר. איך האב אקיראט גיזעהן דײנע ווערטיר. דאס מוז איך באקענט מאכין אין אלע ערטער. איך קען דיין קלוגהײט גאר ניט בשרייבין. דרום מיין ליבר יוסף מוזטו ביי מיר בלייבן. זאלסט אין מצרים רעגירין. אונ די הערשאפט פירין. דא האסטו מיין גולדינים רינג. פאר דיר מוז קניאין אלט אונ יונג:

יוסף פארט אום אין דעם קעניגליכן וואגין

דר מארשאל ריפט אום דס איז דער נײער הערשיר אלעם איז זיין פר אים מוז זיך ביקין גרוס אונ קליין:

האחים ליעקב הסר ממך כל צער ויגון ותן כסף לקנות דגן. למה לנו כסף וזהב אם כלנו מתים ברעב: הער שוין אויף מיט דיין טרויער אונ צארין. גאט זאל אייך אוף דעם רעכטין וועג פירין עס זאל אייך קיין אום גלוק פאסירין. בלייבט ניט לאנג דארט קומט באלד צוריק איך וועל אן אייך ניט פר געסין קיין אוגין בליג. ה' יברך אתכם בכל אך אל תטו ממצותי ימין ושמאל. אל נא בברך יחד כלכם תעבורו שמעו בקולי וכאשר אמרתי תשמרו. כל איש יבחר בשער אחר כאור הבוקר בעלות השחר: האחים בהיכל יוסף

יוסף אל המליץ. דבר אליהם בחרון וחמה. שאל פיהם מאין המה: הערסט וס איך זאג דיר פרעג וס זיי מאכין היר:

המליץ. דברו האמת ואל תרבו כזבים. כי פני אדוני כפני להבים. אייער לייקענין וועט אייך גאר ניט ניצן דען איר וועט אין קערקיר זיצן. זאגט ליבר די ווארהײט אפין ארוס אונ פארט אין פרידין צו הויז:

האחים מיר שווערין דיר ביי גאט דאס מיר טרייבין קיין

שפאט

שפאט. מיר האבין דיא ווארהײט גישפראכין דען אונזר הארץ איז שטארק צו בראכין פון דעם לאנד כנען זינד מיר גיקומין דאס האסטו שוין אײן מאל פר נאמין. המליץ קאמט צו מיר הער זאגט וואס איז אייער באגער:

האחים דס הט אונז דר פאטר גיהײסין דיא זאך קענין מיר אבר ניט וויסן. ער איז הײליג אונ גירעכט זיין בפעל איז געוויס ניט שלעכט. מיר זענן צוועלף ברידער גיוועזן דאס איז אובעראל צו לעזין אײן מאל איז אײנער פון אונז פר שווינדין. מען זיכט אונ זיכט אונ ער איז ניט צו פינדין. דרום האבן מיר אונז פר טײלט אוף פאר שידינע שראנקין יעצט זעה וויא ריין זענין אונזערי גידאנקין:

יוסף איר רעד דאך ניט מיט פר שטאנד ווי קומט אײער ברודער אין מיינעם לאנד:

האחים מיר רעדין גאנץ גוט אונ רעכט עס קאן מעגליך זיין מען האט אים פאר קופט אלעס קנעכט. דרום האבין מיר גיראכט אים צו זיבען טאג אונ נאכט. מיר זענין גיגאנגען צו דיזין צוועק אין יעדין ווינקיל אונ יעדין עק. מעהר האבין מיר דיר ניט צו זאגין. דו קענסט אונז אוך טוט שלאגין:

יוסף איך קאן דס גאר ניט גלובין. מען זאל ביי אייך אײן ברודער רובען. אדער איז ער זעלבסט אנטלאפען ווי האט זיך די זאך גיטראפען:

האחים פאר גיב אונז הער עס זאל דיך ניט פר דריסן דאס גיהיימונים בראכסטו ניט וויסען. דאס בלייבט ביא אונז פאר בארגען מיר טוען דריבער גענוג זארגין. לאז אונז גימאך דאס איז ניט דיינע זאך. דען מיר ענטדעקין עס ניט דער פאטער באשטענדיג טוט קלאגין. וויא קאנסטו פאר לאנגען מיר זאלין עס דיר זאגין:

יוסף

יוסף דם איז איין בווייז דאס איך האב רעכט ווארשיינדלעך הט איר פר קופט אייער ברודר פר איין קנעכט. איין ערליכער מאן הט קיין פאר בארגינע זאכן. ער פער הוילט נית וואס ער וויל מאכן. ער זאגט זיינע גידאנקען פריי איז אים אלעס איינם זאגט מיר אוף ריכטיג וואס איז מיט אייער ברודער גישעהן איינער מוז דאך וויסן פון אייך אלע צער האבן איר אבער נית בלייבט ווייטר שטול מוז איך מיט אייך טאן ווארון איך וויל.

האחים מיר האבן שון איין מאל גיזאגט אונ דאביי ווירד עס בלייבן דו זאלסט מיט אונז קיין שפאט טרייבן וואס גישעהן איז מיט אונזער ברודר ווערדין מיר דיר נית זאגען. ווען דוא אוך אונז ווירסט טוט שלאגין:

יוסף מיין צארין טוט אין מיר ברענין. ווייל איר ווילט נית דיא ווארהייט באקענין. עס האט מיך אוף אייך שרעקליך פאר דראסין. דרום מוז שמעון בלייבען בייא מיר גישלאסין. דם ווירד מיר אבווייז זיין דאס איר זענט ערליך אונ ריין. ווען איר זאלט מיר אייער ערליכקייט באווייזען מוזט איר צוריק נאך הויז רייזען. שמעון בלייבט דא איין גישפארט דאס האב איך שון אמאל גיהערט שרעקט אייך נית אים ווירד קיין לייד גישעהן איך וויל אייער יונגסטין ברודער זעהן. דם ווירד מיר באווייזען ריין אונ קלאר דאס וואס איר זאגט איז וואר איך גיב אייך צייט פיר וואכען איר זאלט טוען ווי איך האב גישפראכין איז אבער דיא צייט פאר גאנגין אונ איר טוט נית מיין פאר לאנגען איך וויל עס אייך נאך דייטלובער ערקלערין איר מוזט עס אלע הערין. ווען איר וועט צוא הוז זיצען בלייבין דיא רינדער אוף די פעלדר צו ווידין טרייבן. אונ אייער יונגסטין ברודר צו מיר נית פירען וועט איר זעהן ווס איך וועט פסירן. אייער ברודר שמעון איז ביי מיר אפפאנד איך וויל אים טוט שלאגין

שלאגין מיט איינינער האנד. איז ער אייך ליב ווילט איר ער זאל לעבן מוזט איר מיר דעם יונגסטין ברודער געבין. ווען איך אוך בין איבער אייך אין צארין וועל איך אייך דאך פאר קופין קארין:

יוסף לעבדו מארגין פריא זאלסטו מיר די ברידר אנפאנגען איהנען צו געבין קארין ווי פיל זיי פר לאנגין. גיב זיי ווס זייא בגערין דו זאלסט איהנען נאר נית פאר ווערין:

יוסף להאחים אייער פאטער זאגט אים אגוט מארגין ער זאל נית זארגין. אייער ברודער שמעון וועט דא קיין מאנגיל ליידין ער וועט האבן פיל נחת אונ פריידין. נאר דאס איינציגע ווירד אים גישעהן דם ער וועט זיינע ברידר נית זעהן. גריסט אייער פאטר אום בעקאנטער וייז מאכט קורץ אייער רייז. קומט גישווינד מיט דעם יונגסטין ברודער צוריק. פארט אין נאטם נאמען מיט גלוק:

דיא ברידער אוף דעם וועג

יששכר זעהט נאר ברידער וואס מיר איז גישעהן. דאס האב איך נאך אין מיין לעבין נית גיזעהן. ווי איך האב דעם זאק אוף גיבונדין האב איך מיין גאנצים געלד גיפונן עס ליגט אין גאנצין. ווי איך האב עס גיבראכט מען האט עס נית אמאל אוף גימאכט. דאס קאן איך מיר גאר נית ערקלערין גישווינד איך וויל צוריק קערין:

אלע עפענען דיא זעק

כולם יחד ביטער איז אונז מען האט אונז דם גאנצע געלד צוריק גיגעבין דם מיינט מען גיווים אונזר לעבין. לופין מיר גישווינד צוריק ווארטין מיר קיין אוגין בליק:

האחים ליעקב גוט מארגין ווינטשין מיר דיר פאטער גוט מארגין הער שון אוף צו טרורין אונ צו זארגין. מיר זענין מיט

גאכט

גאטס הילף גיקומען צוריק פריש אונ גיזונד:

יעקב אייער ברודר שמעון טוט מיר דאך פעלין זאגט מיר די ווארהייט איר זאלט ניט פר העלין. זאגט גישווינד איך מוז עס הערין איך וויל אייך אין דעם רעדין גאר ניט שטערין:

יעקב דר מייעריר יוסף איז פר שווינדין שמעון ליגט אין קערקיר אונ יעצט זאל איך אייך אוך בנימין געבין צוא וואס גיצט מיר שון דאס גאנצע לעבין:

האחים מיר האבין דאך קיין ברוט. עס איז אונז שוין ליבער דר טוט. ווילסטו אונז בנימין ניט געבין וועלין מיר אונז נעמין דאס לעבין:

יעקב לבנימין הערסטו וואס דיינע ברידער באגערין איך קאן עס זיי ניט שטערין. נאר דוא זאג אוב דוא ווילונגסט איין דען ווי דו ווילסט זא מוז עס זיין:

בנימין ווס מיינע ברידר פאר לאנגין איז גיווים גוט זייא זענין דאך מיין פלייש אונ בלוט. וויא קאן איך גיין זאגין וועין איך הער זיי ווייגען אונ קלאגין:

יהודה בלייבט גיזונד טייעריר פאטער. מיר קומען באלד צוריק בלייבט גיזונד אונ האב פיל גלוק:

בהיכל יוסף

האחים מיר האבין גינוג גיקרענקט דעם פאטר דעם אלטין אבער דיר האבין מיר ווארט גיהאלטין. דאס איז דער ברודער אזוי וויא דוא האסט באפולין. מיר שטעהן יעצט וויא אויף פייערינע קוילין:

דיא ברידער עסין בייא יוסף ער הייסט דעם דינער צוא פאר שטעקין דעם בעכר אין בנימינס זאק:

יוסף אל האחים פארט נאך אייער לאנד צוריק גאט וועט אייך געבין פיל גלוק:

יוסף

יוסף אל העבר לוף גישווינד נאך דיא לייט זייא זענין נאך גיט גאנץ וייט. טוא וויא איך האב דיר באפולין דען זיי האבין מיין בעכיר גינומען:

העבר אל האחים איך מוז ביי אייך איין אונטר זיכונג מאכן דען עס פעהלין אונז מענכי זאכין:

ער זיכט אונ פינדעט דעם בעכר ביי בנימין

העבר מיין ליבר מאן דו מוזט מיט מיר צוריק קערין. דאס איבריגע וועסטו שוין שפעטיר הערין:

יוסף לעבדו. בנימין בלייבט ביי מיר אין האנד. אבער דיא ברידער שיק צוריק אין איר לאנד:

יהודה מיין הער דו מוזט מיר פר געבין איך זעה דו שונסט גיט דיין לעבין. גיב אונז גלייך אונזער ברודער צוריק. זאנסט ברעכין מיר דיר דעם גיניק:

יוסף איבר דיינע ווערטר מוז איך לאכין מיינע שטארקע הערין ווערדין אייך גלייך בעוואכין:

יהודה דיינע הערין זענין בייא מיר וויא דיא פליגין אונ וועלין פון מיר הארטע שלעק קריגען:

יוסף איז דען דאס זא איין גרוס אום גלוק. איר האט דא אייער ברודר יוסף פר קופט פר צוואנציג זילבער שטיק:

יהודה דם פייער פון שכם טוט אין מיר ברענין דו וועסט באלד מיין צארין ערקענין:

יוסף דיין שניר תמר וועט עס פאר לעשין אונ וועסט בלייבין גאנץ קאלט:

יהודה מיין הער עס זאל דיך ניט פאר דריסין איך זעה דו ווילסט איך זאל דם בלוט פון מצרים פר גיסן:

יוסף דאס איז אייך ליב איך וויים עס זעהר גוט איר האט דאס העמד פון יוסף אוך איין גיטונקט אין בלוט:

יהודה

יהודה איך זעה דא וועט קיין ענדע ניט זיין, ביז מיר ווערדין טוט שלאגין פון גרוס ביז קליין:

יוסף ווס גיצט אייך דאס קריגין אונ שלאגין איך וועל אייך ליבר זאגין: איר מוזט מיר אבר צו זאגין רוהיג צו בלייבין אונ האט קיינע דומהייטין צו טרייבין:

יוסף מיינע דינער אונ בעאמטין געהט אום דעם צומער לאזט מיך אליין אבר איר זאלט אין דראסין ביי דער טיר זיין:

האחים מיר האבין אגוטע נאכרוכט גיבראכט דם הט אונז פיל פרייד גימאכט. יוסף לעבט ער טוט איבר מצרים רעגירין ער האט גיהייסין מיר זאלין דיך צו אים פירן:

יעקב גילובט איז גאט דער הימעל אונ ערד רעגירט. פר אלעם דם מיר אין מיין לעבין פאסירט. גישווינד גישווינד מיין טייערין יוסף צו זעהן אונ נאך דעם קאן שון מיט מיר נום עס וויל גישעהן:

לבי ובשרי ירננו לאל השמים
כי יוסף בני עודנו בחיים.
משנה גיל אשמח תחת יגוני
רב לי רב מאוד גדול ששוני:

תם ונשלם